ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתע"ה
פרשת משפטים
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' שנו) עס האט דערציילט אונזער זיידע מגיד מישרים
**הרה"ג ר' ארי' לייביש וויינפעלד ז"ל**

### אין הקב"ה מביא תקלה במידי דאכילה

איך האב געהערט פונעם מנהל ישיבה"ק הגה"צ רבי נתן יוסף מייזעלס ז"ל רב ור"מ **אבני שלמה**, אז הרבנית הצ' ע"ה, א"ח פון כ"ק **מרן רביה"ק זלה"ה** האט אים דערציילט אז זי פלעגט יעדן טאג אריינברענגען פארן רבי'ן א טיי מיט א שטיקל צוקער, און דער רבי פלעגט טרינקען דערפון (חוץ די מערערע טעג וואס ער האט געפאסט בסתר, און דער סימן אויף די תעניתים איז געווען אז ער האט נישט געטרינקען די קאווע אינדערפרי, און די טיי נאכמיטאג).

איין טאג האט זי באמערקט אז זי האט געשיקט א טיי פארן רבי'ן ביי א מסיבה, דער רבי האט געטרינקען פון די טיי, אבער ער האט בכלל נישט צוגערירט די צוקער. היות דאס האט קיינמאל נישט פאסירט בעפאר, האט זי זיך זייער געוואונדערט דערויף, און זי האט נאכגעקלערט וואס עס האט געקענט פאסירן מיט די צוקער. ביז ווען זי האט זיך געכאפט אז די צוקער האט זי בעפאר געהאלטן אין איר שירצל-טאש, און זי איז נישט געווען נזהר אריינצוגיין דערמיט אין ביהכ"ס. האט זי פארשטאנען אז דער רבי האט דאס מרגיש געווען בגודל קדושתו, און וועגן דעם האט ער נישט צוגערירט דערצו. (ידוע שהרה"ק מהר"ש מבעלזא זיע"א, הי' מקפיד שלא לאכול דבר שהי' בבית הכסא, כיון ששורה עליו איזהו רוח רעה, (עי' בספר דברי יצחק), וכן נהגו אחריו כמה גדולי ישראל.

אגב, במסיבה ההוא ישב גם הרב הגאון מפריימאן (שליט"א) זצ"ל, וענה ואמר לו שכל זה הוא קצת פלא בעיניו, שהוא בעצמו שמע מהרה"ק אדמו"ר מקאלאשיץ זצללה"ה, שסיפר מזקינו הרה"ק מצאנז זיע"א, או ששמע מאחד, שראה שפע"א יצא לביהכ"ס וחתיכת צוקער הי' מונח בתוך לבושו, ואעפ"כ הי' אוכלו אח"כ ע"כ, ושמעתי ביאור הדברים, כיון דכל עיקר הדבר הוא בתורת הקפדה, ולא מצד ההלכה, וא"כ באופן כזה שהי' מכוסה בבגדיו אין לחוש). **(לעילוי נשמת הגה"ח ר' ארי' לייביש ב"ר ישעי' יקותיאל הכהן וויינפעלד ז"ל, היארצייט הראשון כ"ה שבט הבעל"ט)**

ז' שנז) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא פאלקאוויטש הי"ו**

### דער רבי מאכט א שהחיינו אויף א פרי

עס איז געווען שבת שירה, חמשה עשר בשבט תשנ"ג, יענעם יאר איז דער **רבי** כ"ק **מרן רבינו הברך משה** ז"ל געווען אין וויליאמסבורג אויף שבת, און ליל שב"ק ביים טיש איז געווען א 'פירות טיש' לכבוד היום.

איך בין דעמאלטס געשטאנען ממש נעבן דעם רבי'ן ז"ל - לימין קדשו איז געזעסן דער דיין **הגה"צ רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן זצ"ל** - און איך האב מיטגעהאלטן ווי בשעת ווען דער רבי האט טועם געווען פון די פירות האט ער באמערקט א זעלטענע סארט פרי 'ליטשי' (LYCHI), און דער רבי האט דאס זייער מפליא געווען אז ער האט נאכנישט געזעהן אזא פרי, און ער האט דאס געוויזן פארן דיין ז"ל פרעגנדיג "איר האט שוין געזעהן די פרי?! איך האב נאך אזוינס נישט געזעהן"...

תיכף דערויף האט דער רבי געמאכט א 'שהחיינו' בשם ומלכות, און טועם געווען פון די פרי. באלד דערנאך האט אויך דער דיין געמאכט א 'שהחיינו' ברבים אויף די פרי. (כידוע שזה מדובר בפוסקים, וכנראה שהפרי החדשה גרם שמחה מיוחדת, ולמעשה נכון לברר אצל מורה הוראה) .

ז' שנח) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער
**הרה"ג ר' יודא אליעזר מיללער שליט"א**

### אם כופר יושת עליו

מיין טאטע **הגה"צ רבי שמעון זאב מיללער זצ"ל דער אראדער רב** איז געווען פון די חשוב'ע און שטארק באליבטע תלמידים ביי **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה**, אין די שטאט סאטמאר.

אין די תקופה וואס ער האט געלערנט ביים רבי'ן אין סאטמאר איז אנגעקומען זיין רייע זיך צו שטעלן צו מיליטער דינסט, האט ער אנגעשריבן א קוויטל מיט א פדיון און ער איז געגאנגען צום רבי'ן זיך מזכיר זיין אז ער זאל באפרייט ווערן פון די הענט פון די רשעים.

ווען ער איז אנגעקומען צום רבי'ן אין בית המדרש האט דער רבי פונקט געהאלטן אינמיטן פירן א סעודת ראש חודש אינאיינעם מיט א צאל מקורבים. האט ער אויסגעווארט ביז דער רבי איז ארויסגעקומען פון די סעודה און שטייענדיג ביים טיר איז ער צוגעגאנגען צום רבי'ן מיטן קוויטל און פדיון.

דער רבי האט א בליק געגעבן אויפן קוויטל, און אים באלד צוריק געגעבן דעם פדיון. מיין טאטע האט זיך זייער דערשראקן, ער האט געשפירט אז דאס איז נישט קיין גוטער סימן.

האט ער זיך אנגערופן צום רבי'ן "עס שטייט אין פר' משפטים **"אם כופר יושת עליו ונתן פדיון נפשו"**, קען מען טייטשן **'אם כופר יושת עליו'**, אויב מען לייגט ארויף אויף עמיצן א פליכט צו גיין אין מיליטער ווי עס איז דא סכנה פון **כופר** זיין און פריקת עול תורה ומצוות, וואס איז די עצה? **ונתן פדיון נפשו**, מען גייט צום רבי'ן געבן א פדיון, אז דער רבי זאל פאר אים מתפלל זיין און אים מבטיח זיין א ישועה אז ער זאל באפרייט ווערן פון זייערע הענט".

דער רבי האט זיך שטארק צושמייכלט הערנדיג דאס ווארט און ער האט זיך אנגערופן "אה שמעון וואלף, ביסטו א גוטער בעל דרשן". און דער רבי האט צוריק גענומען דעם פדיון נפש און אים ווארים אנגעוואונטשן. בחסדי ה' האט ער זוכה געווען און ער האט זיך ארויסגעדרייט פון מיליטער דינסט.

ז' שנט) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' מאיר מאשקאוויטש ז"ל** ר"מ בישיבה"ק

### ככל היוצא מפיו יעשה

איך האב געהערט פון מיין ידיד הרה"ח ר' יחזקאל מאנדעל ע"ה, וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער החסיד המפורסם ר' ישראל משה ע"ה, אז ווען **הגה"ק רבי ישעי' זילבערשטיין ז"ל אב"ד ווייצען בעמח"ס מעשי למלך** האט ל"ע געהאט א סטראוק, און ער איז געלעגן אין שפיטאל אין פעסט. עס זענען געקומען צו פארן די גדולי הרבנים הגה"צ רבי **שמעון גרינפעלד ז"ל בעל שו"ת מהרש"ג אב"ד סעמיהאלי** (יארצייט י"ט שבט תשפ"ה), מיט הגה"צ רבי **שאול ראזענבערג ז"ל אב"ד ראצפערט**, אים מבקר חולה זיין.

זיצנדיג דארט האבן זיי געזעהן אז דער סטראוק האט אים שווער געווירקט, און דער מח איז נישט געווען אזוי קלאר, מ'האט אים געפירט אויף א וויל-טשעיר, און ער האט נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך ארום.

האט דער מהרש"ג געזאגט "עס איז נישט קיין כבוד התורה אז דער וויייצענער רב איז אין אזא מצב, אזא לעבן איז נישט קיין כבוד התורה, אדער דארפן מיר מתפלל זיין אז ער זאל געזונט ווערן, אז נישט איז בעסער אז ער ווערט נסתלק".

דער ראצפערטער רב האט אבער גע'טענה'ט אז "כל זמן ער לעבט, און ער טוט אן תפילין, אפילו ער קען נישט אינזינען האבן די כוונות המצוה, און דער מח איז נישט בסדר, פארט טוט ער דעם רצון ה', און עס איז א מצוה יעדע מינוט וואס מ'לעבט".

עס האט זיך ארויסגעשטעלט וואונדערליך ווי רצון יראיו יעשה, דער מהרש"ג איז שפעטער נישט געזונט געווארן מיט א סטראוק ה"י, ער האט אנגעהויבן צו פארגעסן, און גאר קורץ דערנאך איז ער נסתלק געווארן.

ווידער דער ראצפערטער רב איז אויך נישט געזונט געווען מיט די זעלבע מחלה א לענגערע צייט, און ער איז שווערליך אנגעגאנגען ווען זיין זון הגה"צ רבי עמרם ז"ל הי"ד האט אים יעדן טאג געלייגט תפילין, ביז צו זיין פטירה, אבער מיט זיין באגרעניצטן מצב האט ער געקענט מקיים זיין מצות ומעש"ט.

ז' שס) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' דוד פינחס ראזענבערג ע"ה**

### שמן צף למעלה

איך בין געווען צווישן די ערשטע סאטמארע חסידים וואס האבן זיך ארויסגעצויגן וואוינען קיין מאנסי, בערך תשכ"ו לפ"ק. אין יענע יארן איז נאך מאנסי געווען א קליין ישוב, און נאר איך מיט הרה"ח ר' הערש אלימלך ווערצבערגער הי"ו ראה"ק דקהל ויואל משה, זענען געווען די ערשטע צוויי סאטמארע משפחות אין מאנסי.

נתנדב ע"י הרה"ח ר' יואל בהגרח"י גאטליעב הי"ו • לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב בשטומ"צ

מיר זענען דעמאלטס אריין אל הקודש פנימה צו **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** פרעגן אין וועלכע פון די צוויי מוסדות מיר זאלן שיקן די קינדער, צי אין די איינציגסטע חסיד'ישע מוסד וואס איז געווען אין מאנסי, אדער אין די ליטווישע 'בית דוד'.

צו אונזער שטוינונג האט דער רבי געהייסן שיקן די קינדער אין די ליטווישע 'בית דוד', און דער רבי האט דאס מסביר געווען אז אויב וועלן זיי גיין לערנען אינעם חסיד'ישן מוסד וועלן זיי זיכער ווערן נמשך נאכן רוח המוסד, און זיי וועלן איבערלאזן די מסורה פון אבותינו ורבותינו הק', און נאכגיין די מסורה פון יענע קהילה. משא"כ אז זיי וועלן גיין אין 'בית דוד' וועלן זיי דארט עוסק זיין בתורה, אבער זיי וועלן זיך אלעמאל שפירן פרעמד, און נישט ווערן נשפע פונעם מהלך המוסד.

איבריג צו זאגן אז מיר האבן געפאלגט דעם רבי'ן, און ביידע האבן זוכה געווען אויפצושטעלן חשוב'ע משפחות וואס זענען אלע פארבליבן שטארקע סאטמארע חסידים.

דאס צייגט פאר זיך ווי שטארק דער רבי האט אכטונג געגעבן אויף זיין ציבור אז זיי זאלן נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך אנדערע חסיד'ישע קרייזן, ווילנדיג פארזיכערן אז עדת צאן מרעיתו פארבלייבט אפגעזונדערט נאמן לשיטתו הקדושה.

ז' שסא) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' יחזקאל יואל סאמעט שליט"א**

## דער כח פון תורה לשמה

איך האב געהערט פון מיין זיידן הרה"ח ר' חיים קליין ז"ל, בשם אחיו וועלכער איז געווען א תלמיד פון **הגה"ק רבי שמעון גרינפעלד אב"ד סעמיהאלי בעל שו"ת מהרש"ג** (היארצייט י"ט שבט).

עס איז געווען בשעת ווען עס איז געווארן מפורסם די מעשה נורא ווען **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** איז אריינגעלאפן צו שטערן א תערובות'דיגע חתונה אין איינע פון די גלילות פון ווארשויא. און איינער פון די שקצים האט געוואלט שעדיגן דעם רבי'ן אז דער רבי האט געמוזט ארויסשפרינגען פון פענסטער, און צומארגנס איז יענער גע'הרג'עט געווארן מיט א מיתה משונה, די מעשה האט דעמאלטס געמאכט א גרויסן שטורעם.

האט דער מהרש"ג דעמאלטס געזאגט פאר זיינע תלמידים "**דאס איז נישט קיין מופת, דאס איז דער כח התורה ווען מ'לערנט תורה לשמה**"...

ב. עס האט דערציילט מיין פעטער הרה"ח ר' דוד פעדער ע"ה אז ווען דער עצי חיים איז נסתלק געווארן, איז בנו **הגה"צ רבי יקותיאל יודא** ז"ל נתמנה געווארן אלס ממלא מקום זייענדיג א 14 יעריגער בחור'ל. אין יענע תקופה איז דער סעמיהאלער רב געקומען קיין סיגעט, און די רבני העיר האבן געהאט חשק אז דער יונגער רב זאל באקומען התרת הוראה פונעם גאון ישראל דער סעמיהאלער רב.

ווען ער איז אריבערגעקומען צום סעמיהאליער רב, האט ער אים געזאגט אז אויב איז ער נאכנישט גרייט צום פארהער זאל ער אים זאגן אז ער זאל אים פארהערן לייכט, און געבן א 'התרת הוראה' נאר לטובת הרבנות. אבער **הגה"צ רבי זלמן לייב** האט אבער געזאגט אז ער איז יא גרייט צו אן ערנסטן פארהער אויף די הוראה.

האט אים דער סעמיהאלער רב געזאגט "ווען דיין טאטע דער עצי חיים, און דיין פעטער דער קראלער רב, זענען זיך געווען פארהערן ביי מיין טאטן **הגה"ק רבי יודא גרינפעלד** ז"ל **אב"ד סעמיהאלי**, האט ער זיי פארהערט ד' חלקי שולחן ערוך ישר והפוך".

ז' שסב) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הגה"צ רבי שמואל בראך זצ"ל** אב"ד אפסי ארץ נאנאש

## דער באזוך ביים באיאנער רבי'ן ז"ל

אין די תקופה וואס איך האב זוכה געווען לשרת בקודש פנימה ביי **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה**, חול המועד סוכות תשט"ו, האב איך זוכה געווען צו באגלייטן דעם רבי'ן אויף א באזוך ביי **כ"ק אדמו"ר רבי מרדכי שלמה פריעדמאן ז"ל דער באיאנער רבי**, וועלכער האט געוואוינט אין דער איסט-סייד.

דער באיאנער רבי האט באלאנגט צו די אגודה, און עס איז געווארן א שמועס איבער די 'כנסי' הגדולה' פון אגו"י וואס איז געווען אינעם לעצטן זומער תשי"ד. און אז צווישן די החלטות פון די כנסי' איז געווען אז מ'דארף שטיצן אז אידן זאלן ארויפגיין פון חו"ל קיין ארץ ישראל.

דער רבי האט געשטורעמט דערקעגן "דאס איז דאך קעגן חכמינו ז"ל, חז"ל זאגן קלאר (פסחים פ"ז ע"ב) אז דער גלות פאר ביאת המשיח איז א טובה, 'צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שפזרן לבין האומות', און עס קומט ארויס פון דעם אומצאליגע טובות פאר כלל ישראל, און נאך א טעם 'כדי שיתוספו עליהם גרים', און אנדעם איז דאס א מלכותא קטיעא, ווי קען מען מחליט זיין ביי אן אסיפה און זאגן פארקערט ווי חכמינו ז"ל?!".

בתוך הדברים האט דער רבי געזאגט "מילא, פאר ווען עס קומט אויס דארט צו זיין, דארף דארט זיין, ווי דער רמב"ם זאגט אין הל' קידוש החודש"...

דער אריה"ק זאגט אויך אז עס איז די טובה צו זיין אין חו"ל כדי מ'זאל מלקט זיין די ניצה"ק, אבער צו זאגן אז גאנץ כלל ישראל מוז ארויפגיין קיין ארץ ישראל, דאס איז קלאר פארקערט פון חכמינו ז"ל".

דער באיאנער רבי האט דאך געקענט לערנען, האט ער געענטפערט פארן רבי'ן, און עס איז געווען א שארפער וויכוח.

דער רבי האט זיך צוקאכט "איר ווייסט אז דער בריסקער רב האט אנגערופן די 'כנסי', א 'קאנגרעס'.... זיי שרייבן אז דער גלות האט דאך א טעם, חכז"ל שרייבן מפורש א טעם פארוואס דער גלות איז וויכטיג פאר כלל ישראל, ווי קען מען אזוי זאגן?!", און דער רבי האט אויסגעפירט "ווער עס זאגט אנדערש פונעם אריה"ק איז אויך אן אפיקורס, און א גוטע נאכט"...

דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט אינמיטן דעם שמועס און ארויסגעגאנגען.

נאך סוכות האט דער רבי געזאגט פאר רבי יוסף אשכנזי ז"ל "כ'וויל נאכאמאל גיין באזוכן דעם באיאנער רבי'ן". דער רבי איז ווידעראמאל געגאנגען אויף א באזוך, און עס איז געווען א הערליכער שמועס בדרך כבוד, און דאס איז געווען ווי א פיוס אויפן שארפן שמועס פון חוה"מ.

דער רבי פלעגט זאגן "מ'דארף זאגן וואס עס דארף געזאגט ווערן, אבער איך דארף נישט אויספירן"...

ז' שסג) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' חיים הערש אפפעל הי"ו**

## קומען צו פארן געזונטערהייט אויף שמחות

אין די יארן וואס איך האב זוכה געווען לשרת בקודש ביי **כ"ק אדמו"ר הרה"ק הנועם אליעזר מסקולען** ז"ל איז א איד איז אריינגעקומען זיך שואל עצה זיין איבער א שידוך וואס מ'האט אנגעטראגן פאר זיין זון, אבער די מדוברת וואוינט אין לאנדאן, און ער האט נישט קיין חשק צום שידוך, ווייל ער איז שוין אויף די עלטערע יארן, און ווען עס וועט זיין שמחות ביים זון וועט ער נישט האבן קיין כח צו פארן צו די מרחקים מיטהאלטן די שמחות.

האט דער סקולענער רבי אים געזאגט "ווער זאגט אז מ'וועט דיך דארפן באדינען?! פארוואס זאלסטו נישט טוהן דעם שידוך?! אפשר וועסטו זיין געזונט און שטארק לאורך ימים". דער איד האט טאקע געטון דעם שידוך.

עס איז אריבער צוואנציג יאר, האב איך באגעגענט דעם אינגערמאן, דער דעמאלטסדיגער בחור, און איך האב אים דערציילט די מעשה איבער זיין שידוך, וואס איך האב מיטגעהאלטן. זאגט ער מיר "איך וויל אייך דערציילן א אינטערעסאנטע מציאות".

"מיין טאטע, א איד העכער די ניינציג בליעה"ר, קומט צו פארן ב"ה צו יעדע שמחה קיין לאנדאן, ער איז ב"ה געזונט און שטארק, ער דארף נישט קיין באגלייטער, ער האט נאר א שטעקן למראית עין אז מ'זאל נישט זעהן אז ער גייט ב"ה געזונט אויף די אייגענע פיס. אלעס מכח ברכתו של אותו צדיק".

אביסל שפעטער איז א איד צוגעקומען צו מיר, און ער זאגט מיר אז מ'האט אים מציע געווען א שידוך פון לאנדאן, און ער איז געווען מלא ספיקות צי ער זאל טוהן דעם שידוך אויף די מרחקים, אבער ווען ער האט געהערט די מעשה פון סקולענער רבי'ן, האט ער דאס געזאגט פאר זיין טאטן, האט זיין טאטע געענטפערט "אז דער סקולענער רבי האט שוין אזוי געענטפערט, פארוואס זאלסטו נישט טוהן דעם שידוך?!".

יענער האט טאקע געטון דעם שידוך מכוחו ובזכותו של אותו צדיק, נאך אזויפיל יארן.

ז' שסד) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' יודא לייב לאוב הי"ו**

## הוי זהיר בתפילת מנחה

איך האב געהערט פון אן עלטערער איד וואס האט מיט יארן צוריק איבערגענומען א ספרים געשעפט וואס האט געהאט פארקויפט פארשידענע סארט ספרים, און אויך אויסגאבעס מיט צייטונגען. און ער איז בעפאר אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה צו **רבינו הק' זלה"ה** זיך שואל עצה זיין און נעמען די הייליגע הדרכה צו דעם עסק.

האט אים דער רבי געגעבן צוויי הדרכות: איינס, אז ער זאל נישט פארקויפן קיין צייטונגען, ווער עס זוכט א צייטונג קען גיין צו א צווייטן געשעפט.

ב. צווייטנס, אז ער זאל איינשטעלן זיין סדר צו דאווענען מנחה ווי פריער, ווייל אויב מ'ווארט ביז שפעט, אמאל קען מען ווערן פארנומען בעפאר מנחה מיט קונים, און דאס קען גורם זיין ח"ו צו פארשפעטיגן מנחה.

נתנדב לע"נ הרה"ח ר' **שלמה מנשה** ב"ר **חיים יושע פאליק** (פאלקאוויטש) ע"ה • היארצייט ביום כ' שבט